# פרשת "בלום - האכהייזער - ביקסענשפאן"

---

## חיוב מחאה – וערבות על כל איש מישראל, מתוך דרשת "אפרים פדווא" תשע"א

# דעת תורה

*ממרן הרב הגאון רבי **משה חיים אפרים פדווא** שליט"א*

אב"ד דחתאחקה"ת – לונדון יע"א

**בענין מאבייל טעלעפאנען**

מתוך דרשת שבת שובה שנת תשע"א לפ"ק

... מ'האט שוין אסאך מאל גערעדט וועגן דעם ענין פון די מאביילס. ס'איז שוין היינט ב"ה דא צו באקומען כשר'ע, ליגט א חוב אויף יעדעם צו נוצן דוקא די טעלעפאנען.

א גרויס חלק פונעם ציבור האבן ב"ה טאקע געטוישט און נוצען נאר די כשר'ע, אבער ס'איז נאך דא די שריים וואס האבן נאכנישט געטוישט.

און ווי מ'האט פריער גערעדט איז דאך דא די ענין פון ערבות ביי כלל ישראל, וואס טייטשט אז יענעמ'ס עוולה איז מיין עוולה, קומט דאך אויס אז דאס איז א אחריות פונעם כלל, <u>ממילא ליגט א חוב אויף יעדעם איינעם – אויב זעהט מען א צווייטן נוצען א נישט כשר'ע מאביל – דארף ער מוחה זיין</u>...